## במסיבת לחיים אחר יציקת בורות המקוה בבית מדרשנו בוויליאמסבורג

יום ד' פרשת נצבים - וילך תשע"ג לפ"ק

**מען** געפונט אין די תורה, אז בלעם האט געוואלט שעלטען יודען. און די פסוק זאגט, ולא אבה ה' אלקיך לשמוע אל בלעם, ויהפוך ה' אלקיך לך את הקללה לברכה (דברים כג-ו). דער אייבערשטער האט מהפך געווען די קללה וואס ער האט געוואלט שעלטען יודען אויף א ברכה. ער האט אים אריינגעלייגט א חכה אין מויל, אז ער זאל נישט קענען זאגען נאר ברכות אויף יודען. פונדעסטוועגן דאך זאגט די גמרא (סנהדרין קה:) אז אלע קללות וואס ער האט געוואלט שעלטן יודען, האט שפעטער געהאט א מקום ווי עס זאל חל זיין. אויסער אויף איין ברכה וואס ער האט געבענטשט, האט נישט חל געווען א קללה. דאס וואס ער האט געזאגט, מה טובו אהליך יעקב, משכנותיך ישראל (במדבר כד-ה), ווי גוט זענען די אהלים און די משכנות, די בתי כנסיות און בתי מדרשות פון יודען, דארט האט נישט שולט געווען א קללה, און עס איז געבליבן א ברכה אויף שטענדיג.

**דאס** אז עס האט שולט געווען א קללה, כאטש ער האט געזאגט א ברכה. איז די הסבר, ווייל סוף כל סוף איז זיין כוונה געווען צו שעלטן יודען, און אפילו מען האט אים אריינגעלייגט א זאך אין די מויל, און ער האט געזאגט אנדערש. פונדעסטוועגן דאך, האט א מחשבה אפילו פון א גוי, א כח, אז עס זאל קענען האבען א השפעה אויף שפעטער. און וועגן דעם איז אלעס וואס ער האט געוואלט שעלטן יודען, צוריקגעקומען אויף יודען. אבער וואס איז דער ענין, אז אויף די ברכה פון מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל, דארט אפילו ער האט עס נישט געמיינט ערנסט, פונדעסטוועגן דאך האט נישט שולט געווען א קללה.

**דער** ענין דערפון איז, אפילו עס איז ל"ע דא א קללה אויף יודען, און מען קען נישט צוריקציען די קללה, וואס בלעם האט געוואלט שעלטען יודען. אבער אז עס איז איבערגעבליבען פאר אונז די ברכה פון מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל. עס איז איבערגעבליבן די בתי כנסיות און בתי מדרשות פאר יודען, וועלן אלע קללות וואס ער האט געשאלטן יודען, נישט קענען האבען א מקום ווי עס זאל חל זיין. און אפילו ווען עס קומט צוריק די קללה, האבען יודען א כח, אין דעם מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל, אין די בתי כנסיות און בתי מדרשות ווי יודען קומען זיך צוזאם, און מען לערנט און מען דאווענט, אויספועל'ן אלעס. אז עס איז געבליבען די ברכה פון מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל, האבען אלע קללות פארלוירען זייער ווערד. ווייל אין א בית המדרש, אין א מקום תורה ותפלה, קען מען אלעס מהפך זיין לטובה.

**א** בית המדרש איז אייביג געווען חשוב ביי יודען, אבער **אין די היינטיגע צייטען, איז א בית המדרש אזוי ווי לופט, וואס א מענטש דארף האבען צו אטעמען און צו לעבן. די גאנצע חיות וואס א יוד האט, נעמט ער פון די שעה וואס ער געפונט זיך אין בית המדרש, פונעם דאווענען און פונעם לערנען**. און אפילו דאס שמועסן בדיבוק חברים, זיך ארויסהעלפען איינער דעם צווייטען, אלעס ווערט היינט מסודר אין די ד' אמות פונעם בית המדרש. מען לעבט אין אזא וועלט, וואס מען קען זיך כמעט נישט דרייען אויף די גאס. און יעדער מענטש איז מלא נסיונות, אין די פראבלעמען וואס עס איז דא. אבער אז דער אייבערשטער גיט, אז מען האט א בית המדרש, און מען האט א מקום ווי מען קען זיך צוזאמקומען, און עס איז מה טובו אהליך יעקב, עס איז מיט א הרחבה, און מיט א רחבת ידים. אזוי ווי די גמרא (ברכות נז:) זאגט, אז דירה נאה איז מרחבת דעתו של אדם. מען דארף האבען הרחבת הדעת ווען מען קומט אין בית המדרש דאווענען און לערנען. ווען מען האט דעם מה

טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל, דעמאלטס ווערן אלע קללות נתהפך לברכה, און עס קען נישט שולט זיין די קללה.

**און** ער האט צוגעגעבן נאך א פסוק, כנחלים נטיו כגנות עלי נהר, און די גמרא (שם טז.) זאגט, אז ער האט צוגעשטעלט אהלים צו נחלים, ווייל אזוי ווי א נחל איז מעלה א מענטש מטומאה לטהרה, דאס זעלבע זענען די אהלים מעלה דעם מענטש מכף חובה לכף זכות. ער האט צוגעשטעלט ביידע צוזאמען, עס איז דא מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל, די בית המדרש און די בית הכנסת, אבער עס ווענדט זיך ווי אזוי מען קומט אריין אין בית המדרש. **אז מען קומט אריין אין בית המדרש בטהרה, דעמאלט טוט דער בית המדרש אויפטון וואס עס דארף אויפצוטון.** אבער טאמער עס פעלט די טהרה, אפילו עס איז גוט צו זיצען אין בית המדרש שלא לשמה אויך, אבער עס איז נישט די ריכטיגע פעולה וואס א בית המדרש דארף אויפטון.

**און** וועגן דעם, איז דער סדר אין אלע מקומות, אז ווען מען קומט אריין אין בית המדרש איז צוגעשטעלט א מקוה. אז מען זאל קענען גיין אין מקוה, און זיך מקדש ומטהר זיין, און נאכדעם קען מען אריינקומען אין בית המדרש. יראת ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י), **אז מען לערנט תורה בטהרה, האט די תורה א קיום. און אז מען דאווענט בטהרה, האט די תפלה א כח, אז עס זאל קענען עושה רושם זיין.** ווען איז מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל? ווען נעבן דעם איז כנחלים נטיו כגנות עלי נהר, ווען עס איז צוגעשטעלט דערצו א מקום טהרה.

**יודען** האבען זיך אנגעשטרענגט צוצושטעלן דעם פלאץ. זיי האבען אריינגעלייגט שעות ארוכות, גאנצע טעג, איבערגעלאזט די שטובער כמעט, געזעסן און געטראכט, ווי אזוי מען קען גומר זיין די ארבעט. אריינגעלייגט אסאך שעות, אויסצואורבעטן אלע חלקים און פרטי פרטים. עס איז זייער גרינג אראפצוגיין און גיסען אביסל צעמענט פאר די מקוה. אבער עס ליגט דארט ארבעט פון כמעט א יאר, ארויסצונעמען אלעס וואס ליגט דארט. און מסדר צו זיין די שטאטישע זאכען. ועל כולם, וואס מען האט געדארפט שאפען געלט דערצו. עס איז א געוואלדיגער זכות, פאר יעדען וואס נעמט א חלק דערין. אז מען האט א געהעריגע בית המדרש, מיט א געהעריגע מקוה, טוט דאס ראטעווען דעם דור. און עס העלפט פאר א יעדן יוד וואס קומט אריין אין דעם מקום, ער זאל קענען נתעלה ווערן, פון די מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל.

**כי** קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו (דברים ל-יד), עס זענען דא אזעלכע יודען, וואס 'בלבבך' ווילען זיי זיך משתתף זיין, און זיי ווילן האבען א חלק דערין. די הארץ איז ביי יעדן איינעם דא. עס איז דא וואס עס איז שוין אויך 'בפיך', זייי האבען שוין מנדב געווען, און געזאגט אז זיי וועלן געבן. און דער עיקר איז 'לעשותו', וואס מען קען האבען א חלק דערין, און טון למעשה. - די התחלה פון די תורה איז די אות בי"ת פון ב'ראשית, די מיטעלסטע אות פון די תורה איז די אות וא"ו פון גחון (ויקרא יא-מב), און די סוף פון די תורה איז א למ"ד, לעיני כל ישרא'ל. און דאס איז די ראשי תיבות פון ב'פיך ו'בלבבך ל'עשותו. דאס איז די גאנצע תורה. די גאנצע תורה באשטייט פון בפיך ובלבבך לעשותו. און יעדער דארף האבען א חלק דערין. א חלק אין תורה און תפלה און טהרה פון יודישע קינדער. און עס איז נישט נאר די תורה און תפלה, נאר ווי מען האט פריער גערעדט, אז דאס האלט די גאנצע יודישקייט פון א יוד אין די היינטיגע צייטען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה וטהרה. בורא עולם בקנין, השלם זה הבנין. מען זאל עס קענען נוצען געזונטערהייט, מתוך שמחה און הרחבת הדעת, מיט לאנגע געזונטע יארען, פאר אלע וואס האבען א חלק דערין, און פאר אלע וואס וועלן עס נוצען. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל זיך קענען צוגרייטען צום הייליגען יום טוב וואס קומט, און מען זאל זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

## בניחום אבלים אצל משפחת גרינוואלד שיחי'

יום ה' פרשת נצבים - וילך תשע"ג לפ"ק

**הר"ר יהודא: רבי משה לייב זצ"ל** (בעל ויגד משה, בן הגה"צ מסערדאהעלי זצ"ל, חתן הגה"צ בעל ויגד יעקב מפאפא זצ"ל) האט געלערנט מיט מיר אין פאפא. איך האב אים דאס לעצטע מאל געזען ביי די לויה פונעם **ויגד יעקב**.

**רבינו:** תש"א. רבי משה לייב'ס רעבעצין, איז אוועק פיר וואכען שפעטער.

**א' האבלים:** דער עולם האט געוואלט **רבי משה לייב** פאר פאפא רב. אבער **הגה"צ רבי יעקב יצחק ניימאן זצ"ל** (אב"ד בעלזא מאנטריאל) איז געווען זיייער א קלוגער יוד, און ער האט אנגעדרייט די גאנצע מעשה. און דעם **ויגד יעקב'ס** רעבעצין האט געזאגט, אז זי לאזט נישט מקבר זיין, פאר מען וועט אויפנעמען דעם זון אלץ רב.

דער **שימאני'ער רב זצ"ל**, און דער **סערדאהעלי'ער רב** זענען געקומען צו די לויה. פון סערדאהעלי קיין פאפא איז גאנץ ווייט.

**רבינו:** דער **סערדאהעלי'ער רב** איז אים געווען א חבר פון ישיבה. זיי האבען געלערנט בחברותא ביים **ערוגת הבשם**.

דער **אונסדארפער רב** מיטן **ערוגת הבשם** זענען אויך געווען גרויסע ידידים. אין ספר **תולדות שמואל** (תולדות פונעם **אונסדארפער רב**) שטייט, אז דער **ערוגת הבשם** איז אוועק פרייטאג. און שבת נאכדעם האט מען נאכנישט געוואוסט אין אונסדארף אז דער **ערוגת הבשם** איז אוועק, און מען האט געוואלט מאכען א מי שברך. און דער **אונסדארפער רב** האט געזאגט, אז מען דארף שוין נישט מאכען א מי שברך, דער **ערוגת הבשם** איז שוין געווען ביי אים פרייטאג צו נאכטס.

נאך שטייט דארט אין **תולדות שמואל**, אז ער האט נישט געלאזט די בחורים שפילען קוויטלעך חנוכה, אויסער איין נאכט האט ער געגעבן רשות. זעהט אויס אז ער האט געוואלט בוחר זיין הרע במיעוטו. אבער איינער וואס איז געקומען לערנען פון חוסט, דעם האט ער נישט געגעבן קיין רשות די איינע נאכט אויך נישט, ווייל דער **ערוגת הבשם** לאזט נישט.

**הר"ר יהודא:** איך האב געקענט א יוד דא אין וויליאמסבורג, ער האט געהייסען רבי מרדכי פריינד ע"ה, און ער איז געווען א חבר מיטן איזע'ער עילוי (**הרה"ג רבי חיים ישכר גרינפעלד זצ"ל**), און זיי זענען געווען תלמידים פונעם **ערוגת הבשם**. און דער **ערוגת הבשם** האט געטראפען דריי בחורים שפילען קוויטלעך חנוכה. אים, און דעם איזע'ער עילוי, און נאך איינעם. און פאר אים האט ער געזאגט, דו וועסט נישט האבען קיין נחת פון דיינע קינדער. און פארן איזע'ער עילוי האט ער געזאגט, די וועלט וועט נישט האבען קיין נחת פון דיין תורה.

איך האב געהערט פון רבי יוסף דייטש, אז ער האט געהערט פון רבי פישל אריק, א ברודער פון **רבי מאיר אריק זצ"ל**. דער רבי פישל אריק איז געווען זיייער א גרויסער בקי, און מען האט געזאגט, אז ער איז נאך מער פון זיין ברודער **רבי מאיר אריק**. האט רבי פישל געזאגט, פארוואס ער האט נישט זוכה געווען, אז די וועלט זאל הנאה האבען פון זיין תורה, אזוי ווי דער ברודער האט זוכה געווען. ווייל ער האט אין די יונגע יארן, נאך געקענט געבן א בליק אין א צייטונג, און זיין ברידער האט דאס אויך נישט געטון.

## בשמחת הבר מצוה של בן הר"ר אהרן קליין הי"ו

יום א' פרשת האזינו תשע"ג לפ"ק

**ווען** מען גייט אריין לעול התורה והמצות, פאנגט מען אן צו לייגען תפילין יעדן טאג. און מען לייגט תפילין של יד אויף די האנט, און נאכדעם לייגט מען תפילין של ראש אויפן קאפ. די תפילין של יד ווייזט, אז א יוד דארף משעבד זיין די הענט פארן אייבערשטען. די הענט זענען

די כלי המעשה, מיט וואס א מענטש טוט אלע זיינע ענינים. און דאס דארף ער משעבד זיין פארן אייבערשטען. עס איז אבער נישט גענוג וואס א יוד דינט דעם אייבערשטען במעשה, מען דארף האבען דערצו אויך די מחשבה. און פארדעם טוט מען אן די תפילין של ראש נגד המוח, שהנשמה שבמוחי עם שאר חושי וכוחותי, כולם יהיו משועבדים לעבודתו יתברך שמו. צו וויזען, אז די עבודה פון א יוד איז ביידע. מען מוז טון פארן רבונו של עולם אלעס וואס מען קען מיט די האנט, אבער עס איז נישט גענוג די האנט אליינס, די מחשבה פון א יוד דארף אויך דארט זיין בשעת ער טוט די מצות. אמאל קומט אויס, אז מען טוט מצות פארן אייבערשטען, אבער עס איז נאר כמצות אנשים מלומדה, מען איז צוגעוואוינט אז מען דארף יעדן טאג אנטון די תפילין, און עס פעלט אסאך מאל די הארץ פון א יוד, בשעת ער איז מקיים די מצוה. דער אייבערשטער האט מצווה געווען, אז די מצות דארפען זיין מיט די האנט און מיט די קאפ, מען דארף אנטון סיי תפילין של יד, און סיי תפילין של ראש, משעבד צו זיין, סיי די מעשה, און סיי די מחשבה, פארן רבונו של עולם.

**עס** שטייט פונעם **ברעזשאנער רב**, דער **מהרש"ם**, אז די גמרא (סוטה מד:) זאגט, אז ווען איינער איז מפסיק בין תפלין של יד לתפילין של ראש, איז ער חוזר עליו מעורכי המלחמה. ווען מען איז ארויסגעגאנגען אין מלחמה, האט מען נישט געטארט האבען קיין שום חטא אויף זיך. און אויב ער האט מפסיק געווען בין תפילין של יד לתפילין של ראש, איז מען נישט ארויסגעגאנגען אין די מלחמה. האט ער געזאגט, אז מען זעהט אז א מלחמה איז איינגעטיילט אין צווי ערליי טיילען. עס איז דא די פשוטע סאלדאטן, וואס זיי באקומען די באפעלן וואו מען זאל גיין, און וואס מען זאל טון. זיי זענען אויפן פראנט, און זיי טוען די ארבעט במעשה. נאכדעם איז דא די גענעראלן, וואס זיי גייען נישט ארויס אויפן פראנט, נאר זיי זיצען אין שטוב, און זיי טוען אויסרעכענען מיטן קאפ די פלענער פון די מלחמה. ווען מען זאל ארויסגיין, און וואו מען זאל ארויסגיין, און וואס מען זאל באפעלן פאר די סאלדאטן. און דורך ביידע צוזאמען, איז דא נאכדעם א הצלחה, אז מען זאל געווינען די מלחמה. טאמער איינער טיילט אבער אפ, און ער זאגט, אז עס איז נישט וויכטיג ביידע. עס איז גענוג, נאר די סאלדאטען וואס גייען ארויס, און פירן די מלחמה. אדער ער זאגט, אז עס איז גענוג די גענעראלן, וואס זיי טוען אויסחשבונ'ן די מלחמה. אזא מלחמה קען מען נישט זיגען. עס מוז זיין ביידע. עס מוז זיין אויסגערעכנט די מלחמה, און עס מוז זיין אז מען זאל טון די מלחמה.

**אויב** איינער איז מפסיק צווישן די תפילין של יד און די תפילין של ראש. און ער זאגט אז עס איז נישט וויכטיג ביידע. אדער טוט מען וואס דער אייבערשטער האט געהייסען במעשה, אדער איז גענוג צו דינען דעם אייבערשטען במחשבה. ער דארף נישט עסן קיין מצה, כדי ער זאל זיך דערמאנען פון יציאת מצרים, ער קען עס טון במחשבה אויך. 'חוזר עליו', קען ער חוזר זיין פון זיין געדאנק, 'מעורכי המלחמה', פון די וואס גייען ארויס פירן א מלחמה. וואס דארט זעהט מען, אז עס מוז זיין ביידע. עס מוז זיין סיי די מחשבה, און עס מוז אויך זיין די מעשה.

**ווען** עס קומט דער יום טוב פון ראש השנה, וואס כל באי עולם עוברים לפניו כבני מרון, דאס איז דער קאפ פונעם יאר. אזוי ווי דער קאפ פון א מענטש פירט דעם גאנצען מענטש, אלע זיינע אברים זענען תלוי אינעם מוח. דער מוח גיט ארויס די באפעלן פאר אלע אברים, וואס זיי זאלען טון, און אז די האנט רירט זיך נישט ל"ע, איז נישט דער פראבלעם אינעם האנט, נאר דער פראבלעם איז אינעם מוח, אז ער גיט נישט ארויס די סיגנאלן פארן האנט, וואס ער דארף צו טון. אזוי אויך אז א יוד וויל האבען א הצלחה אינעם יאר, דארף ער האבען א הצלחה אינעם ראש השנה, אינעם קאפ פונעם יאר. דער ראש השנה איז משפיע פארן גאנצען יאר.

**דער** בר מצוה בחור, וואס גייט אריין אין די טעג לעול התורה והמצות, דארף געדענקען, אז ער

טוט אן די תפילין של יד, און די תפילין של ראש, צו ווייזען אז מען דארף משעבד זיין, סיי די האנט, און סיי די מוח פארן אייבערשטען. און ווען מען טוט אן די תפילין, און מען איז מכוון זיך משעבד צו זיין אינגאנצן פארן אייבערשטער, דאס איז דער וועג פון כניסת לעול התורה והמצות.

## בניחום אבלים אצל הגה"צ אב"ד ביסטריץ שליט"א

יום א' פרשת האזינו תשע"ג לפ"ק

**אב"ד ביסטריץ:** דער טאטע איז געווען דיין אין מאקאווא נאך פארן דעפאטירן?

**רבינו:** יא. אין יאר תרצ"ט איז ער אפיציעל געווארן אויפגענומען אלץ דיין אין מאקאווא.

**אב"ד ביסטריץ:** זיין שווער האט נאך געלעבט דעמאלטס?

**רבינו:** ניין. ער איז אוועק מיט א יאר פריער (ב' דחוה"מ סוכות תרצ"ח), און דעמאלטס איז פריי געווארן די דיינות פאסטן אין מאקאווא.

**אב"ד ביסטריץ:** מיין טאטע ז"ל האט מיר אמאל געשיקט, איך זאל אפנעמען דעם **ראב"ן** מיטן פירוש **אבן שלמה** פונעם **שימלויא'ער רב זצ"ל.**

**רבינו:** אין מיין אז עס איז דא א הספד אויף אים אין **דרשות לחם שלמה.**

**אב"ד ביסטריץ:** דער **לחם שלמה** האט געהייסען נאכען **יריעות שלמה.**

**רבינו:** ער איז געווען א אייניקעל פונעם **קול אריה זצ"ל.** דער **קול אריה** האט נישט אייביג א נאמען געגעבן נאך די משפחה, נאר ער האט א נאמען געגעבן פאר כמעט אלע זיינע קינדער, נאך די גדולי ישראל וואס זענען אוועק בימיו. דער **בית נפתלי** האט געהייסען נאכען **ראפשיצער רב זי"ע.** און דער **בית נפתלי** האט געהאט א זון **רבי יצחק מאיר** (אב"ד דראגמירעשט) נאכען **חידושי הרי"מ.**

**אב"ד ביסטריץ:** דער **קול אריה** איז אוועק יונגערהייט.

**רבינו:** ער איז אלט געווען זעכציג יאר.

**אב"ד ביסטריץ:** תרמ"ד (אסרו חג סוכות), גלייך נאכען עלטער זיידען (**בעל ייטב לב זי"ע**).

**רבינו:** דער **ייטב לב** איז אוועק אלול, און דער **קול אריה** איז אוועק תשרי.

זיי זענען געווען חברים. נאך די חתונה האבען זיי ביידע געוואוינט אין איהעל.

**אב"ד ביסטריץ:** עס איז דא די מעשה מיטן קונטרס. [בהקדמת **שו"ת קול אריה** (אות ה) כותב נכדו **הגה"ק משאמלויא זצ"ל**, שבעת שהיה **הקול אריה** סמוך על שולחן חותנו (רבי משה לייב גינצלער) באיהעל, כתב קונטרס על ברכת המצות (נדפס **בשו"ת קול אריה** סימנים ה-ט) ומסרו ליד **הייטב לב** שיעיין בו, והניחו **הייטב לב** באותו חדר שהיה מתפלל בו **הרה"ק בעל ישמח משה** בחיים חיותו. בלילה ההוא בא **הישמח משה** בחלום לחותנו, ואמר לו, ראית כי יפה יעצתיך שתתן את בתך **לרבי אברהם לייב ממאדא** (הקול אריה), כי ראיתי עתה ממנו קונטרס נחמד, ואמר לו גם פרפרת אחת ממנו].

**רבינו:** וועלכע יאר זענט איר ארויסגעקומען.

**אב"ד ביסטריץ:** תשי"ט. און **רבי שמערל דייטש** (אב"ד חוג חתם סופר - פתח תקוה, בן **הגה"צ דומ"ץ מאקאווא זצ"ל**) איז אנגעקומען צוויי חדשים נאך אונז. און ער האט נישט געקענט ערלעדיגען, אז ער זאל דארט בלייבען. מען האט אים צוגענומען דאס פאספארט. איז ער געפארן קיין ארץ ישראל. ער האט זיך געזעגענט פון מיין טאטע בדמעות שליש. ווען ער פלעגט פארען קיין מאקאווא, פלעגט ער אלץ שרייבען פאר מיין טאטען, אז ער איז צוגעגאנגען צום **יריעות שלמה** מזכיר זיין. דער **קטמונ'ער רב** איז דעמאלטס אריבערגעקומען קיין וויען, און ער האט געזאגט א דרשה אזאנס און אזעלעכס. רבי מרדכי גרינפעלד איז געווען דעמאלטס רב אין וויען, און ער האט אים מכבד געווען.

איך האב ביי אים געלערנט א זמן, ער האט אונז פארהערט מוצאי שבת נאך הבדלה, אלע בחורים האבען געמוזט זיין ביי שלש סעודות און הבדלה, און נאך הבדלה האט ער אונז פארהערט.

## בסעודת ברית של בן הרב מתתי' ציגעלהיים שליט"א

יום ב' פרשת האזינו תשע"ג לפ"ק

**מען** האט שוין געהערט אזעלכע שיינע דברי תורה (מאת הגה"צ אב"ד יאוואזנא שליט"א), איך וועל נאר צוגעבן א ווארט דערצו. עס שטייט אין די פוסקים (טורי זהב סימן תקפ"ב סק"ב) אז עס זענען געווען אזעלכע, וואס ווען מען האט געהאט א ברית אין ראש השנה, און מען האט נאכדעם געבלאזן שופר, האבן זיי נישט אפגעווישט די דם, פון דעם וואס זיי האבן מוצץ געווען, כדי מען זאל מערב זיין די מצוה פון מילה, מיט די מצוה פון תקיעת שופר. עס איז דא כמה טעמים, וואס איז די קשר פון די צוויי מצוות. בפשטות קען זיין, ווייל מען זאגט (בסליחות) זכור ברית אברהם ועקידת יצחק. מילה איז ברית אברהם, און שופר איז א שופר של איל, אז דער אייבערשטער זאל געדענקען די עקידת יצחק. האט מען צוזאמגענומען די ברית פון אברהם אבינו, מיטן עקידת יצחק, כדי צוזאמען מעורר צו זיין רחמים אויבן אין הימל.

**לויט** וואס מען האט פריער געהערט, קען זיין אז עס ליגט אין דעם נאך א ענין. עס שטייט אין **לבוש** (סימן תקפ"ד סעיף ב') אז דער מנהג איז, אז מען גיט א עליה פארן בעל תוקע. אפילו ווען מען פארקויפט די עליות, האט דער בעל תוקע באקומען א עליה פון קהל. ווייל אזוי ווי ער גייט מקיים זיין די מצוה פון תקיעת שופר, דארף ער עס מקיים זיין בשמחה, און פיקודי ה' ישרים משמחי לב (תהלים יט-ט), ווען מען איז עולה לתורה לערנט מען די תורה הק', און די תורה הק' ברענגט אריין א שמחה אינעם מענטש, וועגן דעם האט מען געגעבן א עליה פאר דעם בעל תוקע, כדי ער זאל מיט נעמען מיט זיך צו די תקיעות, די שמחת התורה.

**מען** האט פריער געהערט, אז די מצוה פון מילה, איז א מצוה פון שמחה. מען האט עס מקבל געווען מיט שמחה, און עדיין עושין אותה בשמחה (שבת קל.). אז מען וויל מקיים זיין די מצוה פון תקיעת שופר, דארפן מען האבן דערצו די שמחה של מצוה. וואס אין פשטות דארף מען טוען א יעדע מצוה בשמחה, און בפרט ווען מען גייט בלאזן שופר, וואס איז א זמן פון דינים, און מען דארף מסלק זיין די דינים, קען אמאל זיין אז פונעם פחד פונעם יום הדין, קען זיך א מענטש נישט צוזאמקלויבען דערצו, אז ער זאל עס קענען מקיים זיין מיט די ריכטיגע שמחה. אבער אז דער באשעפער איז מזמין, אז עס איז דא א ברית מילה, און דער וואס האט געמל'ט דאס קינד גייט בלאזן שופר, נעמט ער צוזאם די שמחה וואס ער האט געהאט ביי די מילה, און מיט דעם גייט ער בלאזן שופר. און וועגן דעם האט מען נישט מקנח געווען דאס מויל פונעם דם פונעם מילה, כדי מען זאל מיט נעמען די שמחה פון מילה, און עס צושטעלן צו תקיעת שופר.

## בסעודת הילולא של כ"ק מרן בעל עזר מיהודה זצוק"ל

יום ג' פרשת האזינו תשע"ג לפ"ק

**מען** שטייט פאר דעם הייליגען יום טוב פון ראש השנה, די משנה (ר"ה טז.) זאגט, בארבעה פרקים העולם נידון, דער אייבערשטער טוט דן זיין די וועלט אין פיר זמנים. עס איז דא זמנים וואס מען איז דן אויף די תבואה, און עס איז דא זמנים וואס מען איז דן אויף מים, און דעם מענטש איז מען דן ראש השנה, וואס כל באי עולם עוברין לפניו כבני מרון, שנאמר היוצר יחד לבם המבין אל כל מעשיהם (תהלים לג-טו). און דער **ר"ן** (שם) שטעלט זיך, וואס פאר א שייכות האט דער יום הדין פארן מענטש, מיט ראש השנה, דער אנהייב פונעם יאר. פארוואס האט מען עס צוגעשטעלט, אז דער דין וחשבון וואס א מענטש גיט אפ, איז אין ראש השנה.

**דער ר"ן** זאגט, ווייל אין פסיקתא (פסקא כג) שטייט, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט כ"ה אלול, דעמאלטס איז געווען דער ערשטער טאג פון די בריאה. און א' תשרי איז געווען דער זעקסטער טאג פון די בריאה, און דעמאלטס איז באשאפן געווארן אדם הראשון. זה היום תחלת מעשיך זכרון ליום ראשון (תפלת מוסף דר"ה), מיינט נישט דער ערשטער טאג פון בריאת העולם, ווייל בריאת העולם איז געווען א וואך פריער. נאר וויבאלד דער מענטש איז דער עיקר פון די בריאה, און ער איז באשאפן געווארן ראש השנה, גייט די תפלה פון זה היום תחלת מעשיך ארויף אויף בריאת האדם, וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אין ראש השנה.

**און** ער ברענגט צו א גמרא (סנהדרין לח:) און א מדרש (פסיקתא שם), אז אדם הראשון האט געזינדיגט מיטן חטא פון עץ הדעת, דעם ערשטען טאג וואס דער אייבערשטער האט אים באשאפן. די נייינטע שעה פונעם טאג האט מען אים מצווה געווען, אז ער זאל נישט עסן פונעם עץ הדעת, די צענטע שעה האט ער געזינדיגט, די עלפטע שעה האט מען אים דן געווען, און די לעצטע שעה פונעם טאג, יצא בדימוס, איז ער ארויסגעגאנגען א געווינער. דער אייבערשטער האט נישט אויסגעפירט דעם דין, אזוי ווי ער האט געזאגט פאר דעם, אז ביום אכלך ממנו מות תמות (בראשית ב-יז), נאר דער באשאפער האט עס אויסגעשטעלט אויף א וועג, וואס ער האט נאכדעם מאריך ימים געווען קרוב צו טויזנט יאר. און אזוי ווי ראש השנה איז אדם הראשון ארויסגעגאנגען פריי. האט דער אייבערשטער אויסגעקליבען דעם טאג, מער פון אלע אנדערע זמנים, אז דעמאלטס זאל ער דן זיין דעם מענטש, כדי מען זאל אים דן זיין, אין דעם טאג וואס אדם הראשון איז יצא בדימוס. אזוי שטייט אין **ר"ן**.

**איך** האב געטראכט נאך א ענין, וואס איז דער שייכות, אז דער אייבערשטער איז דן אינעם אנהייב פונעם יאר. א געוואלדיגער ענין, וואס איז נוגע צו וויסען ווי אזוי זיך צוצוגרייטען צום יום טוב, און וואס ראש השנה מיינט ביי א יוד. די גמרא (חולין ס:) זאגט, אז רב אסי האט געפרעגט א סתירה, עס שטייט אין פסוק, ביי דעם דריטן טאג פון די בריאה, ותוצא הארץ דשא (בראשית א-יב), אז אין דעם טאג האבען די דשאים, די ביימער, די גראז, און די ירקות אנגעהויבען צו וואקסען. שפעטער (שם ב-ה) איז דא א פסוק, 'וכל שיח השדה טרם יהיה בארץ', דער זעקסטער טאג פאר אדם הראשון איז באשאפן געווארן, איז נאך נישט געווען קיין שיח השדה בארץ. 'כי לא המטיר ה' אלקים על הארץ', דער אייבערשטער האט נישט ממטיר געווען קיין רעגן, 'ואדם אין', און עס איז נאכנישט געווען א מענטש, 'לעבוד את האדמה', וואס זאל בא'ארבעטן דאס פעלד, איז וועגן דעם איז נאכנישט געוואקסען. איז דאך א סתירה, פריער שטייט ותצא הארץ דשא, עס איז יא ארויסגעקומען, און דא שטייט אין פסוק, אז עס איז נישט געוואקסען.

**זאגט** די גמרא, 'מלמד שיצאו דשאים ועמדו על פתח קרקע', דעם דריטן טאג האט אנגעהויבען צו וואקסען די דשאים, אבער מען האט זיי נישט געזעהן. זיי זענען געבליבען אינווייניג אין די ערד, ביי די פתח פון די קרקע. 'עד שבא אדם הראשון וביקש עליהם רחמים', ביז אדם הראשון איז געקומען, און ער האט געבעטן רחמים, 'וירדו גשמים וצמחו', און עס איז אראפגעקומען רעגן, דורך די תפלה פון אדם הראשון, און עס האט אנגעהויבען צו וואקסען. 'ללמדך שהקב"ה מתאוה לתפלתן של צדיקים', אז דער אייבערשטער איז מתאוה צו די תפלה פון צדיקים.

**רש"י** אויפן פלאץ (שם), ברענגט אויך צו דעם מאמר חז"ל, און ער לייגט עס אריין אינעם פסוק. 'וכל עשב השדה טרם יצמח, ולמה, כי לא המטיר ה' אלקים על הארץ', ווייל עס איז נישט געווען קיין רעגן, 'ומאי טעמא לא המטיר', פארוואס איז נישט געווען קיין רעגן, 'לפי שאדם אין לעבוד את האדמה', ווייל עס איז נאכנישט געווען א מענטש, וואס זאל בא'ארבעטן דעם פעלד, 'ואין מכיר בטובתן של גשמים', און עס איז נישט געווען ווער עס זאל מכיר זיין אין די טובה פון רעגן, 'וכשבא אדם', און ווען אדם הראשון איז געקומען, און ער האט געוואוסט,

אז עס איז א צורך פאר די וועלט, האט ער מתפלל געווען, אז דער אייבערשטער זאל געבן רעגן, 'וירדו', און עס איז געקומען רעגן, 'וצמחו האילנות והדשאים', און עס האט אנגעהויבען צו וואקסען די אילנות און די דשאים.

**און** די גמרא גיט צו נאך צוויי שורות, וואס רש"י ברענגט עס נישט צו. 'רב נחמן בר פפא הוה ליה ההיא גינתא', רב נחמן בר פפא האט געהאט א גארטען, 'שדא ביה ביזרני', האט ער געזומען זרעים, און ער האט עס איינגעזייעט אינעם גארטען, 'ולא צמח', און עס איז נישט געוואקסען. 'בעי רחמי', האט ער מתפלל געווען, 'אתי מיטרא', איז געקומען א רעגן, 'וצמח', און עס האט אנגעהויבען צו שפראצען. 'אמר', האט רב נחמן געזאגט, 'היינו דרב אסי', וואס עס האט ביי מיר פאסירט, דאס איז די מימרא פון רב אסי. אז ביי אדם הראשון איז אויך אזוי געווען, אז עס האט נישט גערעגנט, און ווען אדם הראשון האט מתפלל געווען, האט אנגעהויבען צו וואקסען. דאס זעלבע איז געווען ביי מיר אויך, איך האב אנגעזייעט, און עס איז נישט געקומען קיין רעגן, און עס האט נישט געוואקסען. האב איך אנגעהויבען מתפלל צו זיין דערויף, און עס איז געקומען רעגן.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז פון די גמרא זעהען מיר די געוואלדיגע כח פון תפלה, אז א יוד דארף שטענדיג מתפלל זיין צום אייבערשטען. מיר זענען צוגעוואוינט, אז א מענטש דארף האבען תפלה, ווען ער האט נישט קיין זכותים און מעשים טובים, און ער איז נישט ראוי צו חסד ה'. עס קומט זיך אים נישט, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן גוטס. אבער אז ער בעהט, און ער איז מתפלל, טוט דער אייבערשטער משנה זיין, און ער גיט אים, אפילו עס קומט זיך אים נישט. אזוי ווי א ארימאן וואס קלאפט אויפן טיר, און ער בעהט עפעס, און ער ווייסט אז עס קומט זיך אים נישט, אבער אז ער בעהט, גיט מען אים. אזוי איז לויט אונזער שכל, דאס ענין פון תפלה. אז מיט דאווענען קען א מענטש אויספועל'ן, אז דער באשעפער זאל אים געבן, א זאך וואס עס קומט זיך אים נישט.

**עס** שטייט אין די הייליגע ספרים, אז דער ענ'ין פון תפלה איז אסאך טיפער פון דעם. **אפילו ווען א מענטש איז א זכאי, ער איז ערליך, און עס קומט זיך אים, אז לויט זיינע מעשים, זאל אים דער אייבערשטער געבן וואס ער דארף צו האבען. פונדעסטוועגן דאך, אפילו עס איז צוגעגרייט פאר א מענטש וואס ער דארף, קען ער עס נישט באקומען, נאר אויב ער איז מתפלל, און ער בעהט דערויף.** תפלה איז א כח וואס טוט עפענען דעם שער, אז די ברכה זאל קענען אראפקומען אויף די וועלט, און אנקומען צו אים. מען גיט נישט פאר א מענטש קיין שום זאך, אנדעם וואס ער בעהט, און ער איז מתפלל דערויף. אזוי האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט אין די מציאות פון די וועלט, אז תיכף ביי די ששת ימי בראשית, האט דער באשעפער נישט געגעבן קיין דשאים און אילנות, אפילו דער באשעפער האט באשאפן א וועלט, אז עס זאל קענען עקזיסטירן, און מען קען נישט לעבן אן דשאים און אילנות, פון דעסטוועגן דאך איז עס געשטאנען על פתח קרקע, און נישט ארויסגעקומען ביז אדם הראשון איז געקומען, און ער האט מתפלל געווען, אז דער אייבערשטער זאל ארויסגעבן די דשאים פון די ערד, און דורך די תפלות איז עס ארויסגעקומען.

**עס** איז נישט דא נאך א זאך אין די גאנצע בריאה, וואס עס האט אזוי פאסירט. אלעס וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, אז עס זאל זיין, איז עס געווארן. די זון און די לבנה, טאג און נאכט, בהמות חיות און מענטשען, אלעס וואס דער אייבערשטער האט באשאפען, איז עס געווארן מיט איין דיבור. חוץ ותוצא הארץ דשא, איז נישט געווארן מיט די בריאה פונעם אייבערשטען. פרנסה צו עסן פאר א מענטש, איז נישט באשאפען געווארן פון זיך אליין. די התחלה איז געווען, ווען דער אייבערשטער האט געזאגט, אז עס זאל ארויסקומען דשא, אבער אז מען זאל קענען נהנה זיין פון די ברכה וואס דער אייבערשטער בענטשט די וועלט, האט דער אייבערשטער געווארט, ביז אדם הראשון איז געקומען, און ער האט מתפלל

געווען, אז דער באשעפער זאל עס אים געבן. ווייל תפלה איז נישט, אז מען איז ממשיך פונעם אייבערשטען א זאך וואס עס קומט זיך נישט פארן מענטש. נאר אפילו א זאך וואס עס קומט זיך, מוז מען מתפלל זיין דערויף. און אז מען איז מתפלל, ווערט מען געבענטשט.

**און** וועגן דעם איז די גמרא מסמיך די מעשה פון רב נחמן בר פפא. רב נחמן בר פפא איז נישט געווען קיין אדם פשוט, ער איז געווען איינע פון די אמוראים, וואס בשעת זיי האבען געטון א פעולה אין עניני גשמיים, האבען זיי עס געטון מיט אמונה אינעם רבונו של עולם. עס שטייט אין די גמרא (שבת לא.) אמונת זה סדר זרעים, און ווי תוספות איז מפרש שמאמין בחי העולמים וזורע. שטייט אין די הייליגע ספרים, אז ווען א מענטש בויעט אן, איז עס נישט נאר ווייל טבע וואקסט. נאר שמאמין בחי העולמים, ער גלייבט אז דער רבונו של עולם מאכט די טבע, און דער באשעפער וועט אים העלפען, אז עס וועט וואקסען. איז רב נחמן בר פפא אוודאי געווען אין די מדריגה, אז בשעת ער האט איינגעזייעט זיין פעלד, איז ער געווען אינגאנצען סמוך ובטוח אויפן אייבערשטען. און ער האט געהאט געווען מעשים טובים, אז אין זיין גארטען וואס ער טוט דארט איינפלאנצען, זאל וואקסען די ביסעל ירקות. און פונדעסטוועגן דאך האט עס נישט געהאלפען, און עס האט נישט געוואקסען קיין תבואה, ביז ער האט נישט ארויסגעזאגט מיטן מויל א תפלה פארן רבונו של עולם. איך האב א פעלד, און איך האב עס איינגעזייעט, געב מיר די ברכה, אז עס זאל וואקסען דערין.

**און** ער האט געזאגט, 'היינו דרב אסי', דאס וואס עס איז נישט געקומען יעצט קיין רעגן, האט דער אייבערשטער מיר געוואלט אויסלערנען די מימרא פון רב אסי. אז רב אסי זאגט, אז ווילאנג א מענטש איז נישט מתפלל פאר א זאך, אזוי לאנג איז עס נישטא. אפילו עס איז אנגעגרייט די ישועה, די דשא שטייט על פתח קרקע, עס איז איין אינטש אוועק פון דיר, אבער כדי עס זאל ארויסקומען צו דיר, דארף מען אויף דעם מתפלל זיין.

**און** עס קען זיין, אז דאס איז די סיבה, פארוואס רוב פון די רפואות ווערן געמאכט פון גראזן, פון צמחים און דשאים. ווייל ווען א מענטש איז ל"ע נישט געזונט, און ער גייט צו דאקטוירים. וואס איז זיין רפואה? אז ער זאל נעמען פון די דשאים, און ער זאל זיך מתבונן זיין אין די דשאים, וואס זיי זענען געווען אנגעגרייט אז די וועלט זאל קענען נהנה זיין דערפון, אבער ביז ווילאנג מען האט נישט מתפלל געווען דערויף, האט מען נישט געקענט הנאה האבען דערפון. דאס וועט אים מעורר זיין, אז ער זאל מתפלל זיין צום אייבערשטען, אויף אלעם וואס ער דארף האבען.

**עס** שטייט פונעם **הייליגען רבי ר' בער זי"ע, דער מעזריטשער מגיד**, דוד המלך זאגט (תהלים קמה-יט), 'רצון יראיו יעשה', דער אייבערשטער טוט דעם רצון פון א ירא ה', אפילו ער האט נאר א רצון, וואלט עס אים דער אייבערשטער געגעבן. אבער למעשה זעהט מען, אז ער באקומט עס נישט. ווייל 'ואת שועתם ישמע', דער אייבערשטער וויל הערן זייער תפלה, און נאכדעם 'ויושיעם', און נאכדעם העלפט דער אייבערשטער. א יוד דארף מתפלל זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען, און דעמאלטס וועט ער עס באקומען.

**עס קומט אמאל זמנים, וואס א מענטש דארף האבען א ישועה. און זיין גאנצע מחשבה, איז מיט תפלה פארן אייבערשטען. ער ווייסט אז אלעס איז פונעם רבונו של עולם, דער באשעפער גיט, און דער באשעפער נעמט, און ער דארף אויף אלעם האבען חסד ה'. און ער פארלאזט זיך אסאך מאל אויף דעם, אז איך בין דאך סמוך און בטוח אויפן באשעפער, אז ער וועט מיר געבן. און דער באשעפער ווייסט דאך מיינע מחשבות, דער באשעפער ווייסט אז איך האב א רצון דערצו, איז ער יוצא מיט דעם. אבער מען איז נישט יוצא מיט דעם. רב נחמן בר פפא האט אויך געהאט די אלע מחשבות, און עס איז נישט געוואקסען, ווילאנג מען זאגט נישט ארויס א תפלה פון מויל. רבונו של עולם, איך האב די און די פראבלעם, און העלף מיר ביי דעם. איך דארף האבען פרנסה, איך**

**דארף האבען געזונט, איך דארף האבען נחת פון די קינדער און אייניקלעך, און אויסרעכענען יעדן קינד ביים נאמען, אויף יעדן קינד דארף מען עקסטער מתפלל זיין. און ביז א מענטש איז נישט מתפלל, האט ער נישט דעם כח, אז ער זאל ממשיך זיין די ברכה. מען קען אים פארשרייבען פאר א גוט געבענטשט יאר, און עס בלייבט שטיין על פתח קרקע, ווייל ער האט נישט מתפלל געווען, און ארויסגעזאגט מיטן מויל, אז ער דארף עס האבן.**

**עס** שטייט אין ספר **תתן אמת ליעקב**, פון **רבי ישעיה באנעט זצ"ל**, אויף די גמרא, אז רב נחמן בר פפא האט געזאגט אויף זיך, היינו דרב אסי, און רש"י זאגט אויף דעם, 'שהקב"ה מתאוה לתפלתן של צדיקים', אז דער אייבערשטער איז מתאווה לתפלתן של צדיקים. פרעגט ער, עס איז נישט דער סדר אז מען זאל אזוי רעדן, אז רב נחמן בר יצחק זאל אויף זיך זאגען, אז דאס וואס דער אייבערשטער האט אים נישט געגעבן די תבואה אין זיין פעלד איז ווייל דער אייבערשטער איז מתאוה לתפלתן של צדיקים. האט ער געזאגט, אז די גמרא (חולין ז.) זאגט, אז רבי פנחס בן יאיר האט געזאגט פאר דעם טייך גינאי, אז ער זאל זיך צוטיילען. און רב יוסף האט געזאגט, אז די זכותים פון רבי פנחס בן יאיר זענען נפישי ממשה רבינו. שטייט אין הייליגע ספרים (עיין **בנועם אלימלך** בליקוטי שושנה על הפסוק הפך ים ליבשה), אז דער פשט דערפון איז, אז ער האט געזאגט, כמה נפיש האי גברא, ממשה, אזוי ווי משה רבינו האט שוין אראפגעברענגט די סארט ישועה, איז גרינגער מתפלל צו זיין דערויף, אז דער אייבערשטער זאל נאכאמאל העלפען. און דאס האט רב נחמן בר פפא געזאגט 'היינו דרב אסי', נישט מיינע תפלות העלפען, נאר אזוי ווי רב אסי זאגט דאך, אז אדם הראשון האט שוין אויף אזא זאך מתפלל געווען, איז מיין תפלה אנגענומען געווארן, ווייל אדם הראשון האט שוין געעפענט דעם פתח דערויף.

**ווען עס קומט דער יום הדין, און מען איז דן דעם מענטש אויף א יעדן פרט ופרט, וואס עס גייט אדורך איבערן יאר. איז שטארק וויכטיג אז מען זאל מתפלל זיין, און ארויסזאגען מיטן מויל אלע זיינע בקשות, וואס ער האט פארן רבונו של עולם. נישט שפארען קיין צייט, און נישט שפארן קיין ווערטער, נאר בעטן און מתפלל זיין, דאס איז ראש השנה.** א מענטש דארף מתפלל זיין ממה נפשך, איז ער נישט ראוי, און מען איז אים אפשר ליידער נוטה אז זיין דין זאל נישט זיין אזוי ווי ער האט געוואלט, איז דאך פשוט אז ער דארף איינרייסען וועלטן. תשובה תפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה. ווען א יוד איז מתפלל, און ער בעהט, און ער שרייט צום אייבערשטען, העלפט דער רבונו של עולם. נאר אפילו עס איז אים יא אנגעשריבען א גוט יאר. קען אבער זיין, אז די ישועה שטייט אים ביי די פתח קרקע, עס בלייבט אים שטיין ביי די טיר. ביי ותוצא הארץ דשא איז אויך די ישועה געווען אנגעגרייט פאר יודען, אבער פון דעסטוועגן דאך, ווילאנג מען האט נישט מתפלל געווען, איז עס נישט ארויסגעקומען. **כדי ער זאל קענען נהנה זיין פונעם גוטן יאר, וואס איז פאר אים אנגעגרייט, דארף א יוד בעטן און מתפלל זיין. ער דארף ארויסזאגען מיטן מויל, אלע זיינע פראבלעמען וואס ער האט, און א יעדע זאך וואס עס שטערט אים, נישט מצמצם זיין קיין ווערטער, און זיך פארלאזען אז דער רבונו של עולם ווייסט שוין וואס עס טוט זיך אין זיין הארץ, און דער רבונו של עולם ווייסט, אז איך פארלאז מיך אויף אים. נאר מען דארף ארויסזאגען, און מתפלל זיין.** רב נחמן בר פפא האט אריינגעלייגט ארבעט אין זיין ביזנעס, אין זיין גינה, און פון דעסטוועגן דאך, ביז ער האט נישט מתפלל געווען, האט ער נישט געהאט א ישועה. און ער האט געזאגט אויף זיך, אז דאס איז 'היינו דרב אסי'.

**א** טאג פון א יום הדין, איז דאך א טאג פון תפלה. יעדער איינער ווייסט, אז מען דארף אסאך מתפלל זיין אין אזא זמן. און ווער איז דען ראוי, אז ער זאל קענען זאגען אז זיינע תפלות ווערן אנגענומען. האט דער אייבערשטער א טובה געטון פאר יודען, און ער האט אויסגעקליבען, אז דער יום הדין זאל זיין אינעם ראש השנה. אין דעם טאג וואס אדם הראשון האט מתפלל געווען צום אייבערשטען די

ערשטע תפלה. נאך פאר אדם הראשון האט געזינדיגט, און ער איז יצא בדימוס, האט ער מתפלל געווען, אז עס זאל זיין תבואה אויף די ערד, און מען זאל עס קענען עסן. און יעדע דבר שבקדושה, ווערט נחקק אינעם זמן. און אז אין דעם טאג, האט אדם הראשון מתפלל געווען, אז די ברכות וואס עס איז אנגעשריבען פאר די וועלט זאל ארויסקומען, ליגט א כח אין דעם טאג, אז א יוד זאל קענען מעורר זיין, די תפלות וואס אדם הראשון האט דעמאלטס מתפלל געווען. און מיט דעם וואס א יוד איז מתפלל דעם טאג, איז ער ממשיך זיין ברכה, און זיין ישועה וואס ער דארף האבען. עס שטייט אין הייליגע ספרים, ושאבתם מים בששון, ממעיני הישועה (ישעיה יב-ג), די ישועה איז אזוי ווי א קוואל, און איין מאל מען האט גע'עפענט דעם קוואל, קען יעדער איינער דערפון שואב זיין. און וועגן דעם, האט דער אייבערשטער אויסגעקליבען אז אונזער יום הדין, וואס עס איז א טאג וואס מען איז מתפלל, אז מען זאל ארויסגייען זכאי בדין, זאל זיין אין דעם טאג וואס אדם הראשון האט מתפלל געווען.

**יעדער** צדיק איז בחייו משפיע נישט נאר פאר די ארומיגע וואס זעהען צו זיין עבודה. נאר זיין השפעה גייט אסאך און אסאך ווייטער אויף די גאנצע וועלט, און אין זייער זכות שטייט די וועלט. רחם מצוקים אשר עליהם שמת הדום וכסא (יוצר לקדושת כתר). מען זאגט יעדן טאג ביי די סליחות, הזכירו לפניו, השמיעו לפניו, תורה ומעשים טובים של שוכני עפר, יזכור אהבתם, ויחיה זרעם, שלא תאבד שארית יעקב. יעדע צדיק טוט אנבויען אויף די וועלט זרעים, וואס דאס זענען זיינע תלמידים, און די אלע וואס ער איז פאר זיי משפיע פון זיין תורה און זיין עבודה. דער מענטש איז די פעלד, כי האדם עץ השדה (דברים כ-יט) און די צידקות און די קדושה, וואס די רבי'ס און די צדיקים געבן אריין אין יודען, דאס איז די זרעים. אמאל קען מען אנבויען, און די זרעים בלייבען על פתח קרקע, און מען איז נישט נהנה דערפון, און מען נעמט עס נישט מיט. און אויף דעם דארף מען מתפלל זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען, אז די זרעים וואס עס איז איינגעפלאנצט געווארן אין אונז, זאלן מיר זיך קענען באנוצען דערמיט, און עס מוצא זיין מן הכח אל הפועל. מיר בעטן פונעם אייבערשטען, 'יזכור אהבתם', דער אייבערשטער זאל גערענקען זייער ליבשאפט, 'ויחיה זרעם', און ער זאל מחיה זיין די זרעים, וואס זיי האבען אנגעבויט אין אונז. דער אייבערשטער זאל מחיה זיין זייערע כוחות וואס ליגט אין אונז, 'שלא תאבד שארית יעקב', אז עס זאל נישט פארלוירען ווערן.

**מה** כאן עומד ומשמש אף התם עומד ומשמש (סוטה יג:), די עבודה פון צדיקים אויף די וועלט איז, וואס זיי טוען ארויסהעלפען פאר יודישע קינדער, און זיי זענען מתפלל פארן כלל ישראל. און די עבודה הערט זיך נישט אויף ביי זיי, נאר עס ווערט נמשך ביתר שאת וביתר עוז. זאל דער אייבערשטער געבען, אז ער זאל ווייטער זיין א מליץ יושר פאר אלע תלמידים, און פארן גאנצען כלל ישראל. און דא אין דעם מקום וואו ער האט אריינגעלייגט זיין תורה און עבודה, די זרעים וואס ליגן אנגעבויט אין דעם פלאץ, בעטן מיר, 'ויחיה זרעם', זאל ער דאס מחיה זיין, און ער זאל זעהן אז עס זאל ווייטער וואקסען און בליען לשם ולתפארת, אזוי ווי עס איז געווען אוות נפשו.

**דער** אייבערשטער זאל געבען, אז מיר זאלן אלע געבענטשט ווערן, מיט א כתיבה וחתימה טובה, און מיט א פריילך יאר און א לוסטיג יאר. עס קומט ראש השנה, זאל דער באשעפער געבן די ריכטיגע דיבורים אין מויל, מען זאל נישט שפארען קיין ווערטער, נאר ארויס זאגען די ווערטער, און מתפלל זיין מעומקא דליבא. יעדע תפלה וואס א יוד איז מתפלל, האט א געוואלדיגען כוח אין הימל. דער באשעפער זאל געבען, אז עס זאל נתקבל ווערן די תפלות פון יודישע קינדער לרחמים ולרצון, און מיר זאלן אלע געהאלפען ווערן מיט וואס מען דארף האבען. און מיר זאלן אלע זוכה זיין צו א שנה טובה ומתוקה, א שנת גאולה וישועה, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.